## בסעודת בר מצוה של בן הר"ר ישעי' ליכטמאן הי"ו

יום ב' פרשת תרומה תשע"ג לפ"ק

**והיו** הכרובים פורשי כנפים למעלה, די כרובים זענען געווען אויסגעשפרייט מיט די פליגלען איבער דעם כפורת, ופניהם איש אל אחיו (שמות כה-כ), און זיי זענען געווען מיטן פנים איינעם צום צווייטען. דער פסוק זאגט נישט, ופניהם איש 'נגד' אחיו, איינס אקעגן דעם צווייטען, נאר ופניהם איש 'אל' אחיו, עס איז געווען מיט די פנים צום אנדערן. די גמרא (בבא בתרא צט.) שטעלט זיך, אז עס איז דא א סתירה אין די פסוקים. דא שטייט אז עס איז געווען פניהם איש אל אחיו, און עס איז דא א פסוק אין נ"ך (דברי הימים ב ג-יג) וואס עס שטייט 'ופניהם לבית', אז דער פנים איז געווען אויסגעדרייט צו די שטוב, צו די וואנט פונעם בית המקדש. די גמרא זאגט, אז אין הכי נמי, ווען יודען זענען געווען עושין רצונו של מקום, איז געווען ופניהם איש אל אחיו. און ווען עס איז נישט געווען עושין רצונו של מקום, איז געווען פניהם לבית. אין יעדע זאך ליגט א רמז מוסר, וואס מען דארף זיך דערפון אראפלערנען.

**עס** שטייט אין די גמרא (סוכה ה:) אז די כרובים זענען געווען צורת רביא, די צורה פון קינדער. יונגע קינדער ווערן אנגערופן רביא. די תורה האט אונז געלערנט, אז די כרובים, די זענען אין קדשי קדשים. **קינדער דארף מען מחנך זיין, און זיי ארײנשטעלן, אז זיי זאלן זיין אויפן הייליגסטן פלאץ וואס איז מעגליך.** די כרובים זענען נישט געשטאנען אינדרויסן, אפילו אינדרויסן איז אויך געווען א מקום קודש, אבער אינוויייניג אין קדשי קדשים איז נאך הייליגער. מען האט אריינגעטראגען די כרובים אינוויייניג אין קדשי קדשים, און מען האט זיי געשטעלט אויפן ארון, וואס אין די ארון איז געווען די שני לוחות הברית, און אויף דעם זענען געשטאנען די כרובים, און סוככים בכנפיהם על הכפורת, ווייל דארט איז די פלאץ פון די כרובים. די פלאץ פון די רביא, איז אינוויייניג אין קדשי קדשים, ביי די ארון.

**ופניהם** איש אל אחיו, די תורה איז נקנית בחבורה, די סגולה פון תורה איז, ווען מען לערנט עס נישט אליין, נאר מען לערנט תורה צוזאמען מיט א חברותא. ווען צוויי יודען לערנען צוזאמען, טוט איינער ארויסהעלפן דעם אנדערן. דאס איז געווען די צורה פון די שני כרובים, וואס זענען געווען אינוויייניג אינעם בית המקדש. - אמאל קומט אויס, ווען מען לערנט מיט א חברותא, אז עס איז נאר ווייל ער מיינט זיך. מיט דעם וואס ער וועט האבן א חבר, וועט ער בעסער פארשטיין, דער חבר וועט אים צוהעלפן אז ער וועט קענען שטייגען. אבער עס דארף נישט אזוי זיין. ופניהם איש אל אחיו, דער איש דארף זיין געבויגן אל אחיו, איינער זאל ארויסהעלפן דעם צווייטען. **ווען מען לערנט, זאל מען זעהן די תועלת נישט נאר פון זיך אליין, נאר אויך די תועלת פונעם חבר**, און דעמאלטס שטייגט מען אויס אין תורה.

**כדי** מען זאל שטייגען אין תורה, דארף זיין די גאנצע קאפ נאר אינוויייניג אינעם קדשי קדשים, און געבויגן צום כפורת. מסיח דעת זיין פון אלעס וואס טוט זיך אויף די וועלט, און נאר קוקען אויף די כפורת, וואס דארט זענען די לוחות הברית. **אין די יונגע יארן, דארף מען ארײנלייגען די גאנצע קאפ, נאר אין תורה הק'. עס זאל אים נישט אינטערעסירן קיין שום זאך וואס טוט זיך אין שטוב, אדער וואס טוט זיך אין די גאס, נאר זיצען אין בית המדרש, און עוסק זיין בתורה.**

**אמאל** קען אבער זיין, אז ער געפונט זיך טאקע אין בית המדרש, ער געפונט זיך טאקע אין קדשי קדשים, און ער שטייט אויפן כפורת, אבער דער פנים איז אים אויסגעדרייט צו די שטוב. ווען וועט ער שוין קענען אהיימגיין, ווען וועט ער זיך שוין קענען משתעשע זיין אין שטוב, ווען וועט ער קענען הערן די נייעס וואס איז דא אויסערן בית המדרש. ווען עס איז

פניהם לבית, ער איז אינוויינינג אינעם קדשי קדשים, אבער דער פנים ליגט אים נישט אל הכפורת, נאר דער פנים ליגט אים אויסגעדרייט לבית, דאס איז דער סימן אז עס איז אין עושין רצונו של מקום. ער טוט עס נישט לרצון, ווייל ער וויל אזוי טון, נאר ער האט נישט קיין ברירה, געפונט ער זיך אין בית המדרש און ער לערנט. די תורה פארלאנגט פון אונז, אז מען וויל זיין עושין רצונו של מקום, אז מען וויל טון דעם רצון פונעם אייבערשטן, דארף זיין דער פנים איש אל אחיו, און נישט פניהם לבית, אויסגעדרייט צו די שטוב.

## בסעודת בר מצוה של בן הר"ר אברהם יהודא האפמאנן הי"ו

יום ב' פרשת תרומה תשע"ג לפ"ק

**עס** שטייט די וואך אין מדרש (תנא דבי אליהו יז), ווען יודען האבען געזאגט נעשה ונשמע (שמות כד-ז) ביי מתן תורה, מיד אמר הקב"ה ויקחו לי תרומה (שמות כה-ב), דער אייבערשטער האט דעמאלטס געגעבן די פרשה פון ויקחו לי תרומה. די מפרשים זענען שוין מבאר יעדער לפי דרכו, וואס עס איז דער קשר, ווייל יודען האבען געזאגט נעשה ונשמע, האט דער אייבערשטער געגעבן די פרשה פון ויקחו לי תרומה.

**אין בעל הטורים** שטייט, אז תרומה זענען די אותיות תורה מ'. א רמז אויף די תורה הק' וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, ווען משה רבינו איז געווען אין הימל פערציג טאג. די תורה ווערט אנגערופן תרומה, ווייל דאס איז תורה מ', תורה וואס מען האט מקבל געווען אין די פערציג טאג וואס משה רבינו איז געווען אין הימל. און עס דארף האבן א ביאור, פארוואס האט מען מייחס געווען די תורה, אז די תורה האט מען געגעבן צו פערציג טאג. מען געפונט אין די גמרא (בבא מציעא פה.) אז רב יוסף האט געפאסט פערציג טעג אז ער אליין זאל זיין א תלמיד חכם, נאכדעם האט ער געפאסט נאך פערציג טעג פאר זיינע קינדער, און נאך פערציג טעג פאר די אייניקלעך. און דער **מהרש"א** זאגט, אז די טעם פון די פערציג טעג איז, ווייל מען זעהט, אז מען האט מקבל געווען די תורה נאך פערציג טעג.

**עס** קען אפשר זיין דער ענין דערפון איז. בשעת קבלת התורה זענען יודען געווען אין א הויכע מדריגה, מען האט מקדים געווען נעשה פאר נשמע, מען האט געהאט א אמת'דיגע רצון צו טון וואס מען וועט הייסען. נעשה, מיר וועלן טון וואס דער אייבערשטער זאגט, אפילו פאר נשמע, אפילו מיר ווייסען נאכנישט וואס. מיר פארלאזען זיך אויפן אייבערשטען, אז מען וועט קענען מקיים זיין די תורה וואס ער וועט אונז געבן, און מיר זענען גרייט אויף אלעס וואס דער מלך וויל. אבער נישט אייביג איז א מענטש אין די מדריגה וואס יודען זענען דעמאלטס געווען, וואס עס איז געווען פסקה זוהמתן (שבת קמו.), אז מען זאל קענען מקבל זיין די תורה בכל אופן, וואס עס וועט נאר זיין, וועל איך נעמען אויף מיר עול תורה. עס איז דא א יצר הרע, דער יצר הרע איז שטארק, אנת נורא ואנא בישרא (קידושין פא.), דער יצר הרע איז פייער, און א מענטש איז נאר א בשר ודם, א חומר פון א גוף.

**אבער** דער אייבערשטער האט אונז געגעבן א עצה דערויף, לימוד התורה. בראתי יצר הרע, בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל.), דער באשעפער האט געגעבן די בחירה פאר א מענטש, ער האט אים געגעבן א יצר הרע, אבער ער האט אים תיכף צוגעגעבן א תבלין אז מען זאל ניצול ווערן פונעם יצר הרע, מען דארף עוסק זיין בתורה. און אז מען איז עוסק בתורה, דעמאלטס קען מען ניצל ווערן, און האלטן וואס די תורה האט אונז מצווה געווען.

**ווען** יודען זענען געווען אין אזא הויכע מדריגה, און זיי האבן געזאגט נעשה ונשמע. יעצט זענען זיי טאקע דערביי, אבער וואס וועט זיין שפעטער, ווען דער יצר הרע וועט צוריקקומען, און מען וועט האבן די נסיונות פונעם לעבן. מיד אמר הקב"ה, ויקחו לי תרומה. דער אייבערשטער האט געזאגט, עס איז דא א עצה, נעמטס פאר

מיר די תורה, תורה מ', די תורה וואס איז ניתנה לארבעים יום, נעמטס ענק צו לערנען תורה. און אז מען וועט ליגען אין תורה הק', וועלן ענק זיך קענען האלטען ביי נעשה ונשמע, און מען וועט קענען טון די מצות פונעם אייבערשטען ווי עס דארף צו זיין. אבער טאמער עס וועט נישט זיין ויקחו לי תרומה, מען וועט זיך נישט ארייגלייגען אין די תורה, דעמאלטס איז מען נישט געזיכערט אז מען וועט קענען בלייבען ביי דעם נעשה ונשמע וואס מען האט מקבל געווען.

**משה** רבינו האט מקבל געווען די תורה לארבעים יום, עס שטייט אין די גמרא (יומא ד:) אז קודם איז ער געווען זעקס טעג אויפן בארג, און נאכדעם איז ער ערשט ארויפגעגאנגען, למרק אכילה ושתיה שבמעיו, כדי ער זאל קענען פון זיך ארויסנעמען אלעס וואס ער האט געגעסן אויף די וועלט, בעפאר מען קומט ארויף אויבן אין הימל. און ווען ער איז ארויפגעקומען אויבן אין הימל, האט ער פערציג טאג נישט געגעסן און נישט געטרינקען. לחם לא אכל, ער האט נישט געגעסן קיין לחם, ומים לא שתה (שמות לד-כח), און ער האט נישט געטרינקען קיין וואסער. ער איז געווען אזוי דבוק אין תורה הק', מקבל צו זיין די תורה פונעם אייבערשטען, אז ער האט מוותר געווען אויף אלע עניני עולם הזה. און דאס איז דער וועג צוצוקומען צו תורה הק'. **אז מען וויל אויסוואקסען א תלמיד חכם, און מען וויל שטייגען אין תורה, דארף מען פארגעסן פון אלעס ארום און ארום, און זיך נאר מדבק זיין אין תורה.**

**וועגן** דעם ווערט די תורה אנגערופן, תורה מ', תורה וואס איז ניתנה לארבעים יום, כדי מען זאל זיך דערמאנען, אז ווען משה רבינו האט מקבל געווען די תורה, איז ער געווען פערציג טאג אויבן אין הימל, און ער האט ממרק געווען אכילה ושתיה שבמעיו, און די גאנצע צייט וואס ער איז געווען אויבן אין הימל, האט ער גארנישט טועם געווען, ער איז געווען אפגעזונדערט פון אלע עניני עולם הזה, דעמאלטס קען מען מקבל זיין די תורה. ווען יודען האבן געזאגט נעשה ונשמע, זיי זענען גרייט אויף קבלת התורה, האט דער אייבערשטער געזאגט, ויקחו לי תרומה, מען זאל מקבל זיין אויף זיך עול תורה, אויף דעם וועג וואס משה רבינו האט מקבל געווען די תורה, וואס איז ניתנה לארבעים יום.

## בניחום אבלים אצל הר"ר אהרן משה שלאגער הי"ו על פטירת אמו ע"ה

יום ג' פרשת תרומה תשע"ג לפ"ק

**הר"ר אהרן משה:** מיינע עלטערן זענען געווען די בעלי אכסניא פונעם רב.

**רבינו:** ווען איך האב חתונה געהאט (בעיר מאנטריאל), איז געווען דארט מיין ערשטע אכסניא.

**הר"ר אהרן משה:** עס איז נישט געווען וואו צו דינגען דירות אויף א קורצע צייט, און דארט איז געווען צוגערישט א קליינע דירה, אזוי פריוואט.

**רבינו:** איך בין נאר דארט געווען אפאר טאג. די חתונה איז געווען מיטוואך (י"ג סיון תשכ"ז), און אויף די לעצטע שבע ברכות בין איך שוין צוריקגעקומען קיין ניו יארק.

**הר"ר אהרן משה:** מיר האבן געהאט אינדערהיים די בענטש'ערלעך וואס די נייטרא ישיבה האט געמאכט פאר די חתונה פון די תלמידים, מיט בלומעלעך און פייגעלעך אויפן דעקל, און עס איז געווען ארויפגעשריבן דערויף די נעמען פון די חתן און די כלה.

מיר שטאמען פון זענטא, און די רב'ס משפחה שטאמט אויך פון זענטא.

**רבינו:** מיין שווער (הגה"צ רבי משה מרדכי פאללאק זצ"ל אב"ד וואדקערט) איז געווען א איידעם (בזיוו"ר) אין זענטא, ביי זיין טאטע'ס ברודער, **רבי ישראל פאללאק ז"ל.**

**הר"ר אהרן משה:** מיין טאטע'ס טאטע איז געווען דער בוך האלטער פון רבי ישראל.

**רבינו:** ער איז געווען גאר א חשוב'ער יוד, און א תלמיד חכם. ער האט געהאט פארשידענע זמנים, עס איז געווען צייטן וואס ער איז געווען א עושר, און נאכדעם האט די רעגירונג אלעס צוגענומען. בכלל האט זענטא געהייסען א בעל בתי'שע שטאט. דער **ברך משה זצ"ל** האט אמאל

געזאגט, אז פורים האט מען געדארפט זוכן מיט וועם מקיים צו זיין מתנות לאביונים, ווייל יעדער האט געהאט.

**הר"ר אהרן משה:** עס איז א גרויסער חידוש. אינדערהיים איז כמעט נישט געווען אזא שטאט וואס יעדער זאל זיין בעל בתי"ש.

**רבינו:** היינט האט מן הסתם יעדער אביון מער וויפיל די נגידים האבן דארט געהאט...

**הר"ר אהרן משה:** זיי זענען געווען פון די איזהו עשיר השמח בחלקו (אבות ד-א).

זיי האבן געהאט א אלטען רב, **רבי משה יודא לעבאוויטש זצ"ל**. ער איז געווען א תלמיד פונעם **ייטב לב זצ"ל**, און מען האט געשיקט א קאנסע"ס פארן **ייטב לב** אויף די רבנות פון זענטא, און דער **ייטב לב** האט אים אהינגעשיקט אז ער זאל זיין דער רב, און דער **ייטב לב** האט אים געזאגט, אז עס וועט קומען א צייט, וואס איך וועל עס צוריקנעמען. - שפעטער ווען דער רב איז אלט געווארן, און ער האט שוין נישט געקענט משמש זיין ברבנות, האט מען געזוכט איינער וואס זאל אביסל ארויסהעלפן, האט מען גערופן דעם **ברך משה** אז ער זאל זיין דארט רב, האט ער זיך דערמאנט פון די מעשה, און ער האט געזאגט, יא, אים קען מען רופן, און ער האט פארציילט די מעשה.

**רבינו:** ער איז נאך געקומען בחייו פון דעם רב?

**הר"ר אהרן משה:** ניין, מען האט אים נאר אויפגענומען אלץ רב הצעיר. מען האט אים שוין אויפגענומען אלץ בחור. אויף די חתונה הזמנה שטייט, אז ער איז ראב"ד זענטא.

**רבינו:** מען ברענגט צו א מעשה פלא (הובא **בחוט המשולש, ובאבני בית היוצר.** ועיין **בתולדות ערוגת הבשם החדש** דף תצא). אז אין פרעשבורג, פאר די צייטן פונעם **חתם סופר זצ"ל**, איז געווען א רב, **רבי עקיבא איגר** (הראשון) **זצ"ל**, ער האט געמאכט א ספר **משנת רבי עקיבא**, ער איז אהין געקומען אויף פרעשבורג אלץ יונגערמאן, און עס איז געווען דארט א רב (**הגאון רבי משה חריף זצ"ל**) וואס איז נישט געווען געזונט, און מען האט געדארפט האבן איינער וואס זאל פירן די קהלה, און זיי האבן אים אויפגענומען מיט די הסכמה פונעם רב, אז ער זאל קומען אהין משמש זיין ברבנות. און דער רב האט זיך אויסגענומען געוויסע זאכן וואס ער זאל נישט צורירן. ער זאל נישט דרש'נען די שבת הגדול דרשה, און נאך זאכן וואס ער זאל לאזן פארן רב. און ער האט זיך אזוי געפירט יארן לאנג. און דער עולם האט געוואלט הערן א דרשה שבת הגדול און שבת שובה, ביז איינמאל האט ער זיך געלאזט איבעררעדן, און ער האט גערדרש'נט. א שטיק צייט שפעטער איז דער רב אוועק, און דער **משנת רבי עקיבא** האט אים מספיד געווען. אינמיטן הספד האט ער זיך אנגערופן, רבותי, איך קען נישט ווייטער זאגן, ווייל דער רב רופט מיך צו דין תורה. ער האט אויפגעהערט דעם הספד, און צען טעג שפעטער איז ער נסתלק געווארן. דער **משנת רבי עקיבא**, ליגט אין פרעשבורג.

**א' הנוכחים:** אויף זיין מצבה שטייט, 'אשריך רבי עקיבא שנתפסת על דברי תורה' (ברכות סא:).

דער **סאטמארער רב זצ"ל** האט קודם געהאט אוועקגעלייגט פארן **ברך משה** די סעמיהאי'ער רבנות, און ווען דער רבי ז"ל האט נאכאמאל חתונה געהאט, האט ער געהאלטן אז עס איז נישט קיין טובה אז דער איידעם זאל דארט זיין, האט ער געוואלט שיקן דעם איידעם קיין סעמיהאי. האט ער געלאזט רופן דעם **ברך משה**, און ער האט אים אנגעהויבן צו זאגן, אז ער וויל אוועקשיקן דעם איידעם, און דער **ברך משה** האט נישט געכאפט וואס ער מיינט, ווייל ער האט נישט געוואוסט אז ער האט אוועקגעלייגט פאר אים די רבנות. דער רבי ז"ל האט געהאט בדעה צו געבן די רבנות פארן **ברך משה**, און ער האט געמיינט אז ער האט אים שוין געזאגט דערוועגן. און ער האט אזוי לאנג גערעדט צו אים, און ער האט אים מסביר געווען אז ער מוז עס טון, און ער האפט אז ער איז אים מוחל, ביז ער האט אנגעהויבן צו כאפן, אז דער רבי ז"ל האט געהאט בדעה אים אהין צושטעלן. האט ער געזאגט, איך האב נישט געוואוסט אז דער רבי האט געהאט בדעה, אבער טאמער דער רבי וויל עס נעמען, געזונטערהייט.